# דעם ענגלישן קעניגס טאכטער

## האט איגנארירט די יודען און די יודישע קאלאניעס אין ארץ ישראל

ירושלים, (יט"א). דער „פאלעסטיין", אן ענגליש טאגבלאט אין יפו, איז מלא שמחה, צוליב דעם, וואס די טאכטער — פרינצעסין, פון ענגלישן קעניג און איהר מאן לארד הערוואוד האבען, ווי־לענדיג אין א"י איגנארירט די יודען און יודישע קאלאניעס, בעת די האבען זיך יא אינטערעסירט מיט די אראבער און קריסטען און אויך אויפגענומען זייערע פיהרער. דעם דאזיגען פאקט אינטערפרעטירט „פאלעסטיין" אלס בעווייז אז די ענגלישע קעניגליכע פאמיליע סימפאטיזירט מיט די אראבער און איז אפגענעייגט געשטימט לגבי די ענגלישע פארטיי־פאלי־טיקער, וואס אינטערעסירען זיך מיט די יודישע אויפטוען אין א"י. דאס פריבצייליכע פאר, שרייבט „פאלעסטיין" האט זאגאר נישט בעזוכט תל־אביב, דאס שיינהעל פון די יודען און האט פארבראכט דרייטהאלבען שעה אין הויז פון אן אראבישען פלאנ־טאטאר אין דער נאהענט פון נס ציונה, אויפגעוה־מענדיג דארט בלויז אראבישע און בריטישע פארשטע־הער, „עס איז געווען, פערטענדיגט דאס בלאט, א פול שטענדיגער באיקאט פון יודישע זעהענסווירדיגקיי־טען, אינסטיטוציעס און זאגאר פון יודישע פערזענ־ליכקייטען, אזוי ווייט אז די יודען גופא האבען גע־פיהלט די גרינגשעצונג".

### פערשוואונדענע לופט-פליהער

ריגע, 4. (ספ. טעל.)

פון מאסקווע איז מען מודיע, אז דריי סאוויע־טישע לופט־פליהער וואס זענען ארויסגעפלויגען פון אנאדיר צו ראטעווען די מאנשאפט פון „טשעליוס־קין" זענען פערשוואונדען געווארען.

מען איז זעהר אומרוהיג וועגען דייער גורל.

### אנפאל אויף א באנק

ניו־יארק, 4. (ספ. טעל.)

פון האוואנא איז מען מודיע, אז אויף דער פיליע פון דער קאנאדישער באנק איז געמאכט געווארען אן אויסטערגעוועהליך דרייסטער באנדיטען אנפאל.

בעוואפענטע מיט אויטאמאטישע ביקסען זיינען זע־קס באנדיטען אין מיטען העלען טאג אריין אין דער באנק, און גאך דעם ווי זיי האבען טעראריזירט דעם פערסאנאל האבען די אוועקגעראובט א בעדייט־טענדע סומע געלד.

די באנדיטען זענען אנטלאפען אויף אויטא.








פלאנצונגס-איילען זענען דער יסוד פון Palmolive=זייף!

די זייף PALMOLIVE ענטהאלט נישט קיין שום חיות=פעטס

קויפענדיג זייף דארף רי דאמע קאטעגאריש פאדערן די זייף Palmolive. דאס איז דער איינציגער אופן אויסצומיידען זייף פון נישט-זיכערע מארקעז, מענשען, וועלכע זארגען וועגען דעם, אז זיי זאלען גוט קויפען, וועלען זי־כער אויסמיילען די זייף Palmolive, וועלכע איז אויסגעארבייט אויסשליס־ליך פון אליוו-אייל און אנדערע ריינע פלאנצונגס-איילען מיט א נאטירליכען גערוך. 20000 קענער פון קאסמעטיק עמפפעהלען יאר Palmolive-זייף.

כדי צו דערהאלטען א שעהנעם און יוגענדליכעם אויסזעהן דארף מען אפ־היטען פאלגענדען קאסמעטישען פראצעס, וועלכער דויערט 2 מינוט. איינדרייבנ־אין און אמענד אפוואשען דאס פנים און האלז מיט א גערייבטען שוים פון דער Palmolive-זייף, אויסרייבענדיג דעם שוים גוט אין די הויט-שפאלטען, דאן אפשווענקען און מילד אפטריקנען. א דאנק דער דאזיגער טעטיגקייט וועט די הויט פון דער דאמע דערהאלטען אויף לאנגע יאהרען די שעהנקייט, פרישקייט און יוגענדליכקייט.

Colgate-Palmolive Sp. z o. o.

PALMOLIVE-SHAMPOO PIELĘGNUJE WŁOSY, JAK MYDŁO PALMOLIVE CERĘ


### „מזרחי"=פארשטעהער איז דער ציון. לייטונג. — פערברייטערען די קאמפעטענצען פון די פאלעסטינא-אמטען

#### לעצטע זיצונג פון אקציאנס=קאמיטעט

ירושלים, 4. (יט"א טעלעגראפיש).

מאנטאג און דינסטאג זענען פארגעקומען זי־צונגען פון די קאמיטעס. די זיצונגען פון אקצ. קא־מיטעט זענען געווען פערטרויליכע.

ירושלים, 4. (יט"א טעלעגראפיש).

די פלענאר־זיצונג האט בעדויערט די גאנצע נאכט פון דינסטאג אויף מיטוואך. מ'האפט, אז די סעסיע וועט בקרוב געשלאסען ווערען. ס'ווערען גע־פיהרט אונטערהאנדלונגען, אז די ביקאציטיוו לייטונג זאל פערברייטערט ווערען. ס'זאל צוגעצויגען ווערען א פארשטעהער פון „מזרחי" און דער פער־זאן פון הרב בערלין און פון די אלגעמיינע ציוניס־טען — דאקט. ראטענשטרייך.

אויף דער זיצונג זענען אנגענומען געווארען א רייהע בעשלוסען וועגען סערטיפיקאטען.

ירושלים, 4. (יט"א טעלעגראפיש).

דער אקצ. קאמיטעט האט דער עקזעקוטיווע געגעבען פולמאכטען ארויסצופיהרען א הלוואה פאר דער יוד. אגענץ. ס'איז אויך אנגענומען געווארען א בעשלוס וועגען פערברייטערען די קאמפעטענץ פון די פאלעסטינער אמטען.

### טשאנג-קאי-טשעק

#### פרעזידענט פון כינעזישער רעפובליק

שאנכאי, 4. (ספ. טעל.)

לויט ווי מען איז מודיע פון נאנקין זאל דער מארשאל טשאנג־קאי־טשעק ווערען פרעזידענט פון דער כינעזישער רעפובליק.

ער וועט זיין דער צווייטער פרעזידענט פון כינא, ווייל זינט סון־יאט־סען איז געשטארבען, איז דער פרעזידענטען־אמט געווען וואקאנט.

### די ערשטע סאוויעטישע שיף אין אמעריקא

ריגע, 4. (ספ. טעל.)

לויט ווי די סאוויעטישע פרעסע איז מודיע פון ניו־יארק איז נעכטען אהינגעקומען פון אדעס נאך א 22־טאגיגער רייזע, דער ערשטער דאמפער „קים" מיט א סאוויעטישער פאהן.


טעאטער

„ראזמאיטאשטשי"

(פריהער „Teatr Miejski")

ציגעל=גאס 27. טעל. 25 = 112

דיר. דוד צעלמייסטער פרעזענטירט דעם טעאטער

„אראראט"

קינסטל. אנפ. מ. בראדערזאן.

אזוי האט נאך לאדזש נישט געלאכט!!

שטורמישער ערפאלג! אלע טאג אויספערקויפט.

רעוועלאציע-פראגראם א. ג.

# „הימל, עפן זיך!..."

אין 2 טיילען, 16 בילדער מיט א פראלאג און עפילאג

רעזשיסירט פון ש. דזשיגאן און י. שומאכער

קאנפעראנסיע:

וול. גאדריק

מחברים:
אווערטשענקא
בראדערזאן
קילבאק
פלאטנער
לוסטיגער פעסימיסט

מוזיק:
ד. בייגעלמאן
א. בייגעלמאן
ה. רובין

דעקאראציעס:
א. ליבערמאן
ב. קוצעוויטש

מוזיק-לייטונג: הערץ רובין
בינע=לייטונג: ב. שווארצשטיין
אדמ.-לייטונג: ב. גאדריק און מ. קאן

מארגען, פרייטאג (שביעי של פסח) 2 פארשטעלונגען 2 — אנפאנג פינסטלעך 3 נאכמ. און 10 אווענד

געשפילט ווערט: היינט, דאנערשטאג 1 פארשטעלונג — אנפאנג 10 אווענד

שבת, אחרון של פסח 3 פארשטעלונגען 3 — אנפאנג 3.30 נאכמיטאג, 7.45 און 10 אווענד

בילעטען צו בעקומען פון 11 ביז 2 און פון 5 נאכמיטאג.

אונזער קינסטלער-אנסאמבל לויט א. ב:

בירנבוים דוד
בערגמאן יואל
גאדריק וול.
גאלדשטיין שמואל
דאלסקא מרים
דזשיגאן שמעון
טארן רות
לעווי-באראווסקא רייזעל
שיינע מרים
שומאכער ישראל
שווארצשטיין בער

# פּיניעלע מזיק

## גיט לשון



נו, יאַטלעך, ווי גייט עס מיט ס'בראַכן? איך גראַד אָנ'אַנטיק.

וואָס ווייסן זיי, די ווילקער, אַ טעם פון מאַצים? זיי עסן דאָך מאַשינאַוועע מאַצים, וואָס אַז מ'עסט זיי, ברייגט די קישקע, אַז ס'מאָגל איז מישיגע. מיר, אין שמולן געסל, ווייסן אַ טעם פון מאַצע, אַז מ'נעמט אַ שטיקל מאַצע אין מאָגל אַראַן, גייען אַלע זאָרגעס וו'רוכו!

וואָס ווייסן זיי, די ווילקער, פון אָנ'אַנטיק צינטיך? צ'זאָלט זעהן סאַרע וואַן זיי טרינקען, און סאַרע וואַן ס'שמולע געסל טרינקט: מיר, אין שמול'ן געסל, טרינקען באַרשט ווי וואַן, און זיי, די ווילקער, טרינקען וואַן ווי באַרשט.

יאָ, כ'האָב גוט פאַגעסן, פון די ווילקער סידערס האָט עך שוין געהערט? זיי מאַכן זיך פון סידער אַ טעאַטער. אין טאַנץ־סאַלים מאַכן זיי די סידערס, אַ גאַנצע יאָר טאַנצן דאָרט יונגען מיט מיידן וואַלצן און פאָקסטראָט, און פייסך מאַכן זיי ווילקער סידער'ס.

זאָלט עך אַביסעל זעהן, ווי ס'קוקט אויס די סידער'ס — אַ גאַנצע פּשעטשאָווינקעס מאַכן זיי קופּיטן. מ'סאַרווירט אויף די טישן מיט... גודים, מיט פּאַפּירענע טרוואַטקעס, מיט זאַלץ־מעטיסטליך, אַ מעווערע יאַלדן לויפן אַרום מיט וואַסע האָמדער און שטוצן — אַ גאַנץ טעאַטער מאַכן זיי, די ווילקער, פון די סידער'ס!

כ'זאָג עך, יאַטן, אַז אוועק קומען זאָלן זיי אַן זיי בויעם — די ווילקער!

## אזא ביטערע בשורה!...

דאָקטאָר (צו אַ קראַנקער פרוי) אַלזאָ, איך פאַרזיכער איך, אַז איהר וועט בלייבן לעבן.

קראַנקע: אוי אַ וי, בעז איך האָב מיטצוטיילן מיין מאַן, באַר זאָגט עס קיינער פאַרזיכטיג, ווייל ער איז אַ האַרץ־ליידענדער.

## וואס איז אזוינס נארישקייט?

— מ'האָט געפרעגט אַ לאַנדער דאָקטער: וואָס איז דאָס אַזוינס נאַרישקייט?

— נאַרישקייט? דאָס איז אַזאַ זאַך, וואָס כ'האָב אין קאָפּ און קען עס נישט ערקלערן.

## א לעקציע געאגראפיע

צו 17 יאָהר, איז אַ פרוי ווילד ווי אַזיע.

צו 30 יאָהר — איז זי באַוועגט ווי איראָפּע.

צו 40 יאָהר — הייס ווי אַפריקע.

צו 50 יאָהר — קאָמערציעל ווי אַמעריקע.

צו 60 יאָהר — פאַרגעסן ווי אויסטראַליע.

# כ'פערקויף דאס חמץ

## אויף די צווייטע טעג פסח

אויף די צווייטע טעג פסח וויל איך פאַרקויפן אייך חמץ אַריין:

מיינע 6 פּשעדוואָיענע וועקסלען.

מיין ניערויבאַמיאַנע שווינגער.

מיין פּאַרטפעל וועקסלען.

דעם גרעסטן טייל סובסטענצנס פון יידישן טעאַטער.

דעם קאַמיטעט פון דער סינאַגאָגע און דעם זאַרשאַנד פון דאַבראַטשיניאַסטש.

די שאַצערס פון די שאַצונגס־קאָמיסיעס און די „רעפּרעזענטאַנטן“ פון די סוחרים־פאַראייבען.

דעם דאָ אויסגערעכנטן און נישט אויסגערעכנטן חמץ. פערקויפן מיר איך חמץ... און אויף די אַנדערע טעג פסח.

## א בריף קיין אמעריקא

אַ ברודער! איך האָב אַ בקשה צו דיר,
איך בין דיר שוין מוחל די גליקען,
און שיקסט אַ בריף און אַ יובל צו מיר
זאָלסטו מיר קיין דאָלאַר נישט שיקען...

נישט שיק מיר קיין דאָלאַר, גענוג, שוין גענוג!
ער האָט שוין זיין הן דאָ פערלוירען,
ער איז שוין נישט מעהר דער „אַמאָליגער“ לאַקש...
דער גלאַנץ פון פערגאַנגענע יאָהרן...

אַמאָל אַז דו האָסט מיר אַ דאָלאַר געשיקט
האָט ער דאָך געלאָזט פון זיך הערן...
איצט בעמט מיין „פּערזאָנע“ אַ רוח אין איהם!
אַ דאָלאַר אַ האַלבן פאַר שטערן...

דער דאָלאַר — ער איז שוין אַראָפּ פון זיין טראָהן,
מען מאַכט שוין פון איהם דאָ קיין רייד;
ער איז שוין קאַלעגע אַצינד מיט'ן קראָן —
די שמעקן מיט קאַזער־מילך ביידע...

עס קאָסט איצט אַ דאָלאַר אַ פוס פון אַ האָהן —
אַ קרופּניק פון גריבעס אַ פּראָסטן!
דערצו נאָך אַ דאָלאַר אַ צווייטן גרייט אָן
וואָס מוז דיך אויף ריזעטאַייל באַך קאָסטן...

אַ בלאַנדער

## אזא קריזיס, נעביך!

— די האָסט געהערט, אויף וואָס פאַר אַ גאָר־האַקטע צרות די פּיפּקעוויטשעס זענען, זיי האָבן ממש נישט צו עסן, און דערצו איז ער אַ גרויסע בעל־חוב, בלויז דער אַקושערקע איז ער שולדיג פאַר זיבען קימפּעטן טויזענד זל.

## קאלישער העפליכקייט

פּרעמדער (צו אַ דורכגעהער): ווייסט איהר נישט וואו מ'גייט אויף דער פּילסודסקיעגא?

קאַלישער: — ווער?

פרעמדער: איהר.

קאַלישער: איך? און אַז איך ווייס וועל איך אייך זאָגן?

## היינטיגע מענער, מ'שטיינס-געזאגט!

— זאָג מיר לייזעריל, איז דאָס חתונה־האָבען פשיטעמנע?

— צי חתונה האָבען איז פשיטעמנע, קאָן איך דיר נישט זאָגן, באַר גט'ן זיך איז זיכער פשיטעמנע.

# אנגעלאדען מיט אלעמען גוטען




געוועזענער פאבריקאנט: נאך גוט, וואס ס'איז דא
אַ „תומכי אורחים“!...

הומאר • סאטירע •

# דער קונדס

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאַט“ נומער 81
דאנערשטאג, דעם 5 אפריל 1934

## לכבוד פסח

# נאך בדיקה




סעקוועסטראַטאר: פאַניע יודעלע, וואו האט איהר דאס געלד?

יוד: ביים קצב, ביים מצה־בעקער, ביים שניידער, ביים שוסטער אי טאַק דאַלעי...

